**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/5/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף פערטע פארשלאג פון 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע: ‘ NY SWIMS' — די ניו יארק סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג אין מער שווימען**

***NY SWIMS וועט דראמאטיש אויסברייטערן צוטריט צו זיכערע שווימען, אדרעסירן גערעכטיגקייט לעכער מיט פארוויילונג גערעכטיגקייט און צושטעלן מיטלען פאר קאמיוניטיס וואס שטייען אויס עקסטרעמע היצן***

***NY SWIMS וועט ארויסבויען נייע לאקאלע שווים באסיינען אריבער די סטעיט, אקטיוויזירן נאטורליכע וואסערן, ארויסשיקן רוקעוודיגע שווים באסיינען צו געגנטער וואס שטייען אויס עקסטרעמע היצן און ארויסקומען מיט היסטארישע אינוועסטירונגען אין ניו יארק סטעיט'ס פארק סיסטעם***

***ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי וועלן ארייננגיין אין א שותפות אויף א שוועבנדע '+Pool' – די ערשטע פון די סארט – אין סיטי וואסערן***

***ניו יארק וועט פארמערן די צאל פארקס, שווים באסיינען און ברעגעס וואס אפפערן שווימען קלאסן, טרענירן און רעקרוטירן נייע לייפגאַרדס***

***זיך איינזינקען איז די הויפט אורזאך פון טויט אריבער דאס לאנד צווישן קינדער פון 1 ביז 4, לויט ציפערן פון די CDC***

***געמאלענע דעזיינס פון איבערגעארבעטע סטעיט פארקס און שווים באסיינען פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויפגעדעקט NY SWIMS (ניו יארק שווימט) — די ניו יארק סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג אין מער שווימען, די פערטע פארשלאג פון איר 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע. אנערקענענדיג אז זיך איינזינקען אין וואסער איז די הויפט אורזאך פון טויט ביי קינדער צווישן 1 און 4 און אז קלימאט טויש וועט פארמערן וועטערס מיט עקסטרעמע היצן — וועט NY SWIMS אויפבויען לאקאלע שווים באסיינען אין פלעצער וואו די נויט דערפאר איז גרויס, עס וועט פארבינדן ניו יארקער צו די סטעיט'ס טייכן און לעיקס, ארויסשיקן שווים באסיינען צו שטאטישע געגנטער און אינוועסטירן אין סטעיט פארקס און שווים באסיינען. עס וועט אויך שטופן אינציאטיוון צו העלפן מער ניו יארקער שווימען זיכערערהייט דורכן אדרעסירן די סטעיט-ברייטע מאנגל אין לייפגאַרדס, פארמערן שווימען קלאסן און פארמערן באקוועמליכקייטן ביי שווים באסיינען און ברעגעס.

"צוטריט צו שווימען איז נישט בלויז פארוויילונג — עס רעדט זיך פון פובליק געזונטהייט און קלימאט שטאנדהאפטיגקייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "NY SWIMS וועט זיין די גרעסטע סטעיט-

ברייטע אינוועסטירונג אין שווימען זינט די 'נייע דיעל', אויסברייטערנדיג צוטריט פאר שוואכערע קאמיוניטיס און פארשטערקערנדיג זיכערהייט פאר קינדער אריבער ניו יארק."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "ווען מיר זענען אריינגעקומען אין אפיס צוויי יאר צוריק האבן מיר געהאט א מיסיע: באשיצן פובליק זיכערהייט, אויפלעבן די עקאנאמיע און מאכן די סיטי מער איינוואוינער-פריינטליך פאר שווער-ארבעטנדע ניו יארקער. יעדן טאג פארפילן מיר דעם חזון פאר ניו יארקער, אריינרעכענענדיג דורכן אינוועסטירן אין אונזערע קינדער'ס זיכערהייט מיט נייע שווימען אינפראסטרוקטור. איך בין שטאלץ צו אריינגיין אין א שותפות מיט גאווערנער האקול צו ברענגען די Pool+, אן אייגנארטיגע און שעפערישע שווים באסיין, צו ניו יארק סיטי — אויסברייטערנדיג צוטריט צו שווימען פאר אלע ניו יארקער."

NY SWIMS וועט אינוועסטירן צו אויסברייטערן צוטריט צו שווימען אריבער די סטעיט, זיך קאנצענטרירנדיג אויף שוואכערע קאמיוניטיס און פלעצער וואס שטייען אויס עקסטעמע היצן. NY SWIMS וועט ליפערן 150 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג פאר לאקאלע רעגירונגען צו ארויסבויען 10 נייע צענטראלע עפנטליכע שווים באסיינען אין געגנטער וואס זענען די מערסטע אין נויט, צו טרייבן פאר נייע ערפינדונגען אין די דעזיין פון שווים באסיינען און צו ארויסשיקן 'פאַפּ-אָפּ' שווים באסיינען העכער די ערד צו באקעמפן עקסטרעמע היצן.

אזוי ווי די ניו יארק סטעיט פארקס פייערן זייער הונדערטסטע יארטאג אין 2024, וועט NY SWIMS ארומדרייען צענדליגע יארן פון ארויסגעצויגענע אינוועסטירונג צו זיכער מאכן אז פובליק פארקס אפפערן נייע ערשט-קלאסיגע שווימען איינריכטונגען וועלכע קענען באדינען טויזנטע טעגליכע באזיכער.

ניו יארק סטעיט וועט אויך אריינגיין אין א שותפות מיט ניו יארק סיטי צו ברענגען דעם חזון פון די Pool+ – א פילטרירטע שוועבנדע שווים באסיין וואס קען זיצן אין ניו יארק'ס טייכן – צו פארווירקליכטי ווערן דורכן צוזאמען פינאנצירן א דעמאנסטראציע פראיעקט וואס וועט זיכער מאכן אז די שעפערישע מאדעל קען זיכערערהייט צושטעלן צוטריט פאר שווימער.

אומגלייכע צוטריט צו זיכערע און באקוועמע געלעגנהייטן צו שווימען האט צוריקגעהאלטן פון צופיל ניו יארקער צו באקומען די טשאנס צו שפילן מיט די וואסער און זיך אויסלערנען פונדאמענטאלע וואסער זיכערהייט סקילס. פעלער פון איינגעזיקענע מענטשן אין ניו יארק סטעיט איז אנגעקומען צו רעקארד-הויכע צאלן אין לעצטערע יארן, אפקאסטנדיג די לעבנס פון 230 ניו יארקער אין 2021 (די לעטע יאר פאר וועלכע עס זענען דא פארעפנטליכטע ציפערן) און מער פון 1,000 ניו יארקער פון 2017 ביז 2021. זיך איינזינקען שטייט יעצט אלס די הויפט אורזאך פון טויט ביי קינדער אין די עלטער פון איין ביז פיר יאר אין די פאראייניגטע שטאטן, און עס איז די צווייט-העכסטע אורזאך פון טויט פאר קינדער אין די עלטער פון 5 ביז 14. אן גערעכטע און ברייט-פארשפרייטע צוטריט צו זיכערע שווימען געלעגנהייטן, וועלן וויניגער מענטשן אנטוויקלען די פונדאמענטאלע שווימען און וואסער זיכערהייט סקילס, מער מענטשן וועלן שווימען אין אומזיכערע וואסערן אן לייפגאַרדס און מער פארמיידליכע טויטפעלער צוליבן זיך איינזינקען וועלן פארזעצן צו פארקומען יעדעס יאר.

**ארויסבויען לאקאלע שווים באסיינען אין נויטבאדערפטיגע געגנטער**
NY SWIMS, אונטער די אויפזיכט פון די סטעיט פארקס אפיס און דורכגעפירט דורך די דארמיטארי אויטאריטעט פון ניו יארק סטעיט (Dormitory Authority of the State of New York, DASNY), וועט אוועקשטעלן א 60 מיליאן דאלארדיגע גרענט פראגראם וואס וועט פארטיילן גרענטס פאר די בעסטע אפליקאציעס צו ערמעגליכן די רענאוואציע און קאנסטרוקציע פון שווים באסיינען אין נויטבאדערפטיגע געגנטער אריבער די סטעיט. דורך NY SWIMS, קענען לאקאלע רעגירונגען אפלייען פאר גרענטס פאר עפנטליכע שווים באסיין פראיעקטן. NY SWIMS גרענטס קענען גענוצט ווערן צו פינאנצירן די דעזיין און

קאנסטרוקציע אדער רענאוואציע פון שווים באסיינען צוזאמען מיט אנדערע פארבינדענע אינפראסטרוקטורישע אויסגאבן, אריינרעכענענדיג אינפראסטרוקטור פון די לאקאציעס, וואסער שפריצערס, דייווינג באורדס און גליטשערס, בית הכסא'ס און צימערן זיך צו אנטוהן, צובייס, איינקויפן לאנד און אנדערע אייגנשאפטן וואס שאפן ווערט פאר לאקאלע קאמיוניטיס.

**אויפקומען מיט נייע געדאנקען פאר די באציאונגען פון ניו יארקער מיט טייכן און לעיקס**

צו העלפן אויפקומען מיט נייע געדאנקען פאר ניו יארקער'ס באציאונגען מיט די וואסער, אריינרעכענענדיג טייכן און לעיקס, וועט ניו יארקער אוועקשטעלן וועגן און פינאנצירונג געלעגנהייטן צו מוטיגן באמת'דיג נייע געדאנקען פאר שווימען אינפראסטרוקטור. גאווערנער האקול וועט צושטעלן 60 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג פאר די בעסטע אפליקאציעס פון לאקאלע רעגירונגען צו ארויסשיקן נייע סארטן שוועבנדע שווים באסיינען וואס קענען ערלויבן ניו יארקער צו זיכערערהייט שווימען אין נאטורליכע וואסערן. כדי צו העלפן זיכער מאכן אז שוועבנדע שווים באסיינען קומען נאך אלע נויטיגע פובליק געזונטהייט סטאנדארטן, וועט די ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט גיבן אנווייזונגען וואס וועלן ערלויבן ארגאניזאציעס צו אויספרובירן די געדאנק פון די נייע סארטן שווים באסיין דעזיינס אין די סטעיט'ס נאטורליכע וואסערן.

ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי וועלן ארבעטן צוזאמען צו עפענען א '+Pool', אן ערשט-קלאסיגע שווימען איינריכטונג וואס וועט שוועבן אין די וואסערן ארום ניו יארק סיטי. גאווערנער האקול און מעיאר עדעמס האבן אנאנסירט אז די סטעיט און סיטי וועלן צוזאמען פינאנצירן א '+Pool' דעמאנסטראציע פראיעקט וואס וועט אויספרובירט ווערן אין די זומער פון 2024 און געעפנט ווערן פאר די פובליקום אין די יאר דערנאך.

**ארויסשיקן שווים באסיינען אין שטאטישע פלעצער**

כדי צו באקעמפן הייסערע זומערדיגע טעמפעראטורן און העלפן דירעקט אריינבויען שווימען געלעגנהייטן אין שטאטישע פלעצער, וועט די סטעיט אוועקשטעלן א 30 מיליאן דאלארדיגע שעפערישע גרענט פראגראם פאר לאקאלע רעגירונגען צו פינאנצירן קליינע, רוקעוודיגע 'פּאַפּ-אָפּ' שווים באסיינען. די שווים באסיינען וועלן קענען ארומגערוקט ווערן, אדער וועלן זיי זיין צייטווייליגע איינריכטונגען וואס וועלן קענען ארויסגעלייגט ווערן ביי 'בלאק פארטיס', פארקס, געשעענישן אדער אפענע ערטער.

ווי רעקאמענדירט דורך ניו יארק סטעיט'ס 'עקסטרעמע היץ אקציע פלאן ארבעטס גרופע' ( Extreme Heat Action Plan Work Group), איז צוטריט צו דרויסנדיגע קילונג געלעגנהייטן און פארוויילונג מיטלען ווי פארקס און פלעצער צו שווימען קריטיש פאר שוואכערע קאמיוניטיס און באפעלקערונגען וואס זענען אין א העכערע סכנה נישט האבנדיג צוטריט צו אינעווייניגע קילונג. פארבעסערן צוטריט צו לאקאציעס ווי שווים באסיינען וואס קענען ברענגען צייטווייליגע ערלייכטערונג פון עקסטרעמע היץ קען זיין נאך א פלאץ פאר אפעקטירטע קאמיוניטיס צו זוכן שוץ.

שווים באסיינען קענען זיך טוישן אין גרויסקייט פון גרעסערע אינסטאלאציעס, ווי די גרעסערע סארטן צייטווייליגע שווים באסיינען און איינריכטונגען וואס זענען אפן געווען איבער די פארגאנגענע פינף יאר ביי די ברוקלין בריק פארק, ביז קלענערע "קאנטעינער" סארט שווים באסיינען וואס קענען זיצן אויף די אויבערפלאך פון א גאס.

**אינוועסטירן אין אונזערע סטעיט פארקס און שווים באסיינען**

אין צייט פאר די ניו יארק סטעיט פארס'ס הונדערטסטע יארטאג פייערונג, וועט גאווערנער האקול שטופן פאר א היסטארישע רייע פון אינוועסטירונגען אין עפנטליכע שווימען איינריכטונגען. ארומדרייענדיג צענדליגע יארן פון אפשפארונגען און איינגעצוימטע אינוועסטירונג, וועט די גאווערנער'ס פלאן אויפרעכטן אדער איבערבויען איינריכטונגען אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג:

- **איבערבויען הערימען סטעיט פארק'ס לעיק סעבאגאָו ברעג**, וואס איז פארמאכט זינט 2011 צוליב שאדן פון האריקאן איירין. דורך דעם מאסיוון אויפרעכטונג פראיעקט, קענען באזיכער און הייקערס צוגלייך בקרוב זיך ווענדן צו טרעפן שוץ, זיך אפצוקילן און ווידעראמאל גיין שווימען ביי לעיק סעבאגאָו.
- **דזשאָנס ביטש East Bathhouse**, די לעצטע גרויסארטיגע שטיקל פון אייקאנישע און היסטארישע דזשאָנס ביטש סטעיט פארק אינפראסטרוקטור וואס איז נאכנישט אנגערירט געווארן דורך די אויפלעבונג באמיאונגען פון די פארגאנגענע 10 יאר וועט דעזיינט און אויסגעשטעלט ווערן פונדאסניי פאר צוקונפטיגע דורות צו געניסן דערפון. דורך א ספעציעלע סומע געלט לכבוד די פארק סיסטעם'ס הונדערטסטע יארטאג, וועט די סטעיט פארקס אפיס פארוואנדלען א פארלאזטע שווים באסיין קאמפלעקס צו ווערן א דעסטינאציע פון א וואסער שפריצער פארק, אריינברענגענדיג און אריינבויענדיג אן אייגנארטיגע פיטשעווקע צו העלפן קינדער און אומערפארענע שווימער זיך צו אויסלערנען צו שווימען אין א קלענערע און קאנטראלירטע סביבה.
- **סאָודזשורנער טרוט סטעיט פארק,** אמאל א לאקאציע פון צעמענט און ציגל פראדוקציע, שטיין ברעכעריי און אייז זאמלונג, איז די שטח זינט דאן פארוואנדלט געווארן צו ווערן ניו יארק'ס נייעסטע פארק. דורך צוגאבליכע אינוועסטירונגען וועט די פארק אויסגעברייטערט ווערן צו אריינגעמען א שוועבנדע שווימען סטרוקטור אין די קווארי לעיק.

געמאלענע דעזיינס קענען געזעהן ווערן [דא](#).

אין צוגאב צו די פראיעקטן, וועט גאווערנער האקול פארגרעסערן די יערליכע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען אין אונזערע סטעיט'ס פארקס כדי צו בויען קאפאציטעט בשעת'ן אינוועסטירן אין עקזיסטירנדע אינפראסטרוקטור. דאס וועט ברענגען מער פארוויילונג מיטלען צו קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. אלע פון די וויכטיגע פראיעקטן וועלן אויסברייטערן דירעקטע צוטריט צו שווימען העלפנדיג מער מענטשן זיך אויסצולערנען צו שווימען און צושטעלנדיג געלעגנהייטן פאר שוואכערע קאמיוניטיס צו קומען און זיך אפקילן.

**צושטעלן מער לייפגאַרדס און שווימען קלאסן**
כדי צו אדרעסירן די מאנגל אין לייפגאַרדס וואס באגרעניצט באדייטנד די מעגליכקייט צו צושטעלן צייט צו שווימען זיכערהייט, וועט די סטעיט אפפערן א גרענט פראגראם דורך די סטעיט דעפּארטמענט צו צוריקצאלן פאר לאקאלע רעגירונגען פאר אויסגאבן וואס זיי גיבן אויס צו באצאלן פאר לייפגאַרדס כדי צו העלפן פארלענגערן די אפענע שעה'ן, פארמערן די צאלן שטאב מיטגלידער פאר שווימען פראגראמען און פארברייטערן צוטריט צו עפנטליכע ברעגעס און שווים באסיינען אריבער ניו יארק סטעיט.

**אויפלעבן די אומזיסטע שווימען קלאסן ביי סטעיט פארקס**
סטעיט פארקס וועלן מער פון טאפלען די צאל פון שווים באסיינען און ברעגעס וואס אפפערן וואסער זיכערהייט אויסלערנדע פראגראמען אין 2024 – פון 7 צו 17 – צוביסלעך אריינברענגענדיג די צוגעקומענע ברעגעס און שווים באסיינען אין צוקונפטיגע יארן.

**ברענגען קינדער צו די שווים באסיין**
ניו יארק וועט אריינגיין אין א שותפות מיט לאקאלע רעגירונגען צו ארויסהעלפן מיטן טרעפן נאך שווימען איינריכטונגען וואס קענען גענוצט ווערן אין די זומער און דערנעבנדע סעזאנען פאר וואסער שווימען קלאסן. די סטעיט פארקס אפיס וועט ארבעטן צו טראנספארטירן קינדער און זייערע פאמיליעס צו איינריכטונגען וואו שווימען ווערט געאפפערט דורך די Connect Kids (פארבינד קינדער) פראגראמען.

**מאכן SUNY שווים באסיינען פאר צענטערן פאר די קאמיוניטי**
גאווערנער האקול וועט פאראדענען SUNY צו ארבעטן צוזאמען מיט סקולס, יונגאווארג און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און מיט לאקאלע רעגירונגען צו פארמערן געלעגנהייטן זיך אויסצולערנען צו שווימען אריבער יעדן ראיאן פון די סטעיט. אין צוגאב וועט ניו יארק גיבן אן אנרייץ פאר SUNY סטודענטן וועלכע זענען פעהיגע שווימער צו ווערן לייפגאַרדס דורכן דעקן די קאסט פון א לייפגאַרד סערטיפיקאציע פארהער און דורכן גיבן קאלעדזש קרעדיט פאר לייפגאַרד טרענירונג קורסן.

**אומזיסטע סאָנסקרין**
גאווערנער האקול וועט עפענען א פילאט פראגראם ביי סטעיט פארק שווים באסיינען צו אפפערן אומזיסטע סאָנסקרין צו העלפן פאמיליעס בלייבן זיכער אין די זון און צו געניסן פון די דרויסנדיגע לופט.

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די סטעיט דעפּארטמענט האט א לאנגע און ערפאלגרייכע רעקארד מיטן ארבעטן מיט לאקאלע רעגירונגען אריבער ניו יארק סטעיט צו פארבעסערן אפעראציעס, ערמעגליכן וואוקס און פארזיכערן פובליק זיכערהייט. דער נייער פראגראם איז נאך א כלי וואס וועט אונז ערלויבן צו ארבעטן מיט לאקאלע רעגירונגען צו צושטעלן בעסערע צוטריט צו עפנטליכע שווים באסיינען און ברעגעס און נאך מער פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר די שעפערישע איניציאטיוו וואס וועט זיכער מאכן אז פאמיליעס אריבער די סטעיט האבן א זיכערע פלאץ וואו צו שווימען."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוט ניו יארק סטעיט פארגרעסערן אונזער פובליק געזונטהייט אינוועסטירונג און אויסברייטערן געזונטע פארוויילונג געלעגנהייטן פאר אלע קאמיוניטיס, אזוי ווי מיר ארבעטן צו פארמאכן לעכער אין גלייכקייט און ברענגען אן ענדע צו העלט קעיר אומגלייכקייטן. NY SWIMS איז די גרעסטע סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג אין שווימען אין צענדליגע יארן, און די 'סטעיט אָוו די סטעיט' פריאריטעטן ווייזן ארויס אונזער פארפליכטונג צו טרענירן נייע לייפגאַרדס, פארשטערקערן שווימען זיכערהייט און אויסברייטערן צוטריט צו שווימען פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קולעסעיד, האט געזאגט,** "שווימען איז איינס פון די מערסט פאפולערע פארוויילונג אקטיוויטעטן אין אונזערע פארקס — און עס איז איינס פון די וויכטיגסטע סקילס וואס מיר קענען אויסלערנען אונזערע קינדער. איך לויב אויס גאווערנער האקול פאר די אגרעסיווע פלאן צו אויסברייטערן גאר-נויטיגע אפציעס פאר ניו יארקער צו שווימען און זיי צו העלפן בלייבן זיכער בשעת'ן דאס טוהן."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער און קאָ-טשעיר אויף די קלימאט שריט קאונסיל, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "נאכפאלגנדיג נאך א יאר פון רעקארד-ברעכנדע טעמפעראטורן, טוהען עקסטרעמע היצן און קלימאט-געטריבענע וועטער געשעענישן אנברענגען נעגאטיווע השפעות אויף אונזערע קאמיוניטיס מער פון סיי ווען אין די היסטאריע. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר די לאנד'ס-פירנדע אונטערנעמונג צו פארמערן צוטריט צו שווים באסיינען און צו ערשט-קלאסיגע געלעגנהייטן צו שווימען, באזונדערס אין שוואכערע קאמיוניטיס, בשעת'ן זיכער מאכן אז מער ניו יארקער זענען גרייט צו געניסן פון די דרויסנדיגע לופט און פארוויילן זיכערערהייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן